בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

תשפ"ז

423

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


חַזֶר גוּט דִי הֲלָכוֹת.................................................א

נִישְׁט אָפְּקִילְן דִי אֱמוּנַת חֲכָמִים פוּן זַיְין רֶבִּי.........................א

פַּארְגֶעס נִישְׁט דִי צִיל פוּן דִי יְשִׁיבָה ....................................ב

פַּיְינִיג דִיךְ נִישְׁט ..........................................................ג

פָּארְן וַואקַאצִיעֶ...............................................................ד

רֶעדְן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער .........................................................ה

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין אַ מְלַמֵד..............................ו

אַ צַדִיק אִיז נִישְׁט דֶער וָואס פַּאלְט נִישְׁט? ................................ו

דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן, נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים...................ח

הֶעלְפְן מִיט דִי מוֹסְדוֹת אוּן דִי קְהִילָה .........................................ח

זֶען אִין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין שֵׁדִים........................................ט

רֶעדְן מִיט דִי בַּאאַמְטֶע וֶועגְן דִי גֶעלְט פוּן דִי וַואוּטְשֶׁערְס .......................י

דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס פַּאסִירְן בַּיי אַנְדֶערֶע גֵייט קוּמֶען צוּ מִיר........................י

אַז מֶען טְרַאכְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק קֶען מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין ....................יא

אָנְצוּצִינְדְן אִין שְׁטוּבּ לֶעבֶּעדִיגֶע עֶרְלִיכֶע מוּזִיק אוּן פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן .....יב

הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ דִי וַוייבּ, אִיר מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין .......................יג

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז אַזוֹיפִיל גוּטְס .................................יד

דוּרְךְ תְּפִלָּה וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד ........................ טו

זַיי נִישְׁט מְרַחֵק דַיין זוּן ........................................ טו

אַייעֶר מַאן אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז צֶעבְּרָאכְן ........................ טז

אוֹיף וָואס קוּקְט אַ אִיד בַּיים גֵיין וואוֹינֶען אִין אַ פְּלַאץ ........................יח

דִי שְׁוֶועריִקַייטְן אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי הִתְקַרְבוּת צוּם צַדִיק ........................יט

נִישְׁט וֶוערְן צוּשְׁפִּילְט וֶוען דִי וַוייבּ זָאגְט אַ וָוארְט........................כא

רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע שְׁפְּרַאכְן ........................כב

אַ זְכִיָה צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ'ס שׁוּל ........................כב

קוּקְט אִיבֶּער דִי מְזוּזוֹת בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ........................כג

זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַשְׁיוֹת........................כד

זַיי שְׁטַארְק מִיט מִקְוֶה אוּן דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע ...כו

זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת ........................כו

גֵיי יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן סַאטְמֶער זי"ע ......כז

מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט אֱמוּנָה גֵייט מֶען אַרִיבֶּער דִי צָרוֹת........................כח

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין, אֵיידְל אוּן וֵוייךְ
וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת........................כט

דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה וָואס זֵיי לֶערְנֶען ........................ל

דִי "דַאנְקֶען שְׁפִּיל" ........................................ל

אַלֶע שִׁידוּכִים וֶוערְט נָאר דוּרְךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן........................לב

אִיר זֶענְט יָא אַ גוּטֶע מַאמֶע אוּן אַ גוּטֶע וַוייבּ ........................לג

פוּנְדָאסְנֵיי אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן........................לג

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## חַזֶר גוּט דִי הֲלָכוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**אַ מַתָּנָה פַאר הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת אוּן דָאס חַזֶר׳ן בִּיז דוּ וֶועסְט דָאס גוּט קֶענֶען, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען הִיטְן דִי הֲלָכוֹת, אוּן נָאר אַזוֹי הָאט מֶען גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, נָאר אַז מֶען פִירְט זִיךְ מִיט הֲלָכָה זֶענֶען דִי קִינְדֶער גֶעזוּנְט פִּיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן אַלֶע שְׁאֵלוֹת פוּנֶעם דַיָין, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, ״וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד״ (אָבוֹת ב, ה).

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ לִיבּ.

...

## נִישְׁט אָפְּקִילְן דִי אֱמוּנַת חֲכָמִים פוּן זַיין רֶבִּי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

זֶע צוּ הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת אוּן אַ גֶעפִיל אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וַוייל אִין דֶעם אִיז אַלֶעס אָנְגֶעהָאנְגֶען, (אִין דֶעם אִיז אוֹיךְ נִכְלָל צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קְלִיפִּס,

פַּאדְקֶעסְטְס, טָאלְק שָׁאוֹס, וָואס מֶען הֶערְט אוֹיס), מֶען דַארְף מִתְפַּלֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים.

יֶעצְט אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי סֵפֶר יְמֵי מוֹהֲרָא"שׁ פוּן שְׁנַת תשמ"א, אִיךְ זֶע דָארְט הֶערְלִיכֶע זַאכְן, אִיךְ זֶע דָארְט אַ נַייֶע זַאךְ (אוֹת רפה), אַז דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס יֶעדֶע מָאל עֶר אִיז אַהֵיים גֶעפָארְן פוּן זַיין רֶבִּי הָאט עֶר גֶעזָאגְט תְּפִילַת הַדֶּרֶךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הִיטְן אוֹיפְן וֶועג אַז עֶס זָאל נִישְׁט זִיצְן נֶעבְּן אִים אֵיינֶער וָואס וֶועט אִים אָפְּקִילְן פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים פוּן זַיין רֶבִּי.

וּבְעִנְיַן וְכוּ'; אַדְּרַבָּה, אוֹיף דֶעם זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט), וֶועלְכֶע פְרוֹי אִיז אַן אִשָּׁה כְּשֵׁרָה? "הָעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעְלָהּ", דִי פְרוֹי וָואס טוּט דֶעם מַאן'ס ווילְן וְכוּ', וֶוען זִי פַּאר זִיךְ דַארְף נִישְׁט וְכוּ' - דָאךְ טוּט זִי דֶעם מַאן'ס ווילְן; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט אִיר שְׁלֶעפְּן צוּ קְלֶעסֶעס וְכוּ', זִי אִיז דָאךְ גְרֵייט צוּ טוּן דַיין ווילְן אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען לֶעבְּן אוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן וְכוּ', אִיז וָואס פֶּעלְט דִיר? וָואלְט זִי זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁיידְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דָאס אִיז אַ צָרָה, אָבֶּער אַז זִי אִיז גְרֵייט פַאר דִיר, דַארְפְסְטוּ נָאר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן טוּן מִצְוֹת.

...

## פַארְגֶעס נִישְׁט דִי צִיל פוּן דִי יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט דִי בָּחוּרִים זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן פַאר דַיינֶע אוֹיגְן דִי צִיל אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה, זֵיי זָאלְן גֶעדֶענְקֶען צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ רֶעדְן פוּן דָאס אוּן יֶענְץ, בָּחוּרִים הָאבְּן דָאךְ לִיבּ צוּ רֶעדְן פוּן אַלֶעס, אִיז וֶוען דוּ רֶעדְסְט מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ אַלְץ הַאלְטְן פַאר דַיינֶע אוֹיגְן דִי אֱמוּנָה, תְּפִלָּה, הִתְבּוֹדְדוּת וְכוּ'.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עֶס שְׁטֵייט אִין מֶדְרָשׁ (עַיֵּן יַלְקוּט הַמָּכִירִי תְּהִלִּים קיח, כח) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, כז): "הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי אָתָּה", וֶוען דִי סַנְהֶדְרִין הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעזֶעצְט דַן זַיין דָוִד הַמֶּלֶךְ אַז עֶר אִיז נִישְׁט רָאוּי לָבֹא בְּקָהָל, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן אוּנְטֶער זֵייעֶרע שְׁטוּלְן: "הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי אָתָּה", וִוי שֶׁעמֶען עֶנְק זִיךְ נִישְׁט צוּ פַּסְלְ'ן מַיין דָוִד פוּן לָבוֹא בְּקָהָל, אַמֶער, עֶר רוּפְט מִיךְ טַאטֶע, שְׁטֶענְדִיג רוּפְט עֶר מִיךְ טַאטֶע, יֶעדֶע זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט אִים אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט אִים - קוּמְט עֶר צוּ מִיר אוּן רוּפְט מִיךְ טַאטֶע...

פַארְגֶעס נִישְׁט דִי צִיל פוּן דִי יְשִׁיבָה, וָואס מִיר ווילְן פוּן דִי תַּלְמִידִים, נָאר דָאס אוּן נָאכְאַמָאל נָאר דָאס, זֵיי זָאלְן שְׁרֵייעֶן 'אָבִי אָתָּה'.

אַוַודַאי דַארְף זַיין סֵדֶר, זְמַנִים, דֶרֶךְ אֶרֶץ וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער הָעִקָּר אִיז "הוּא יִקְרָאֵנִי אָבִי אָתָּה", אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן דֶערְהֶערְן אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

### פַּיינִיג דִיךְ נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

...

אִיךְ הַאלְט אַז אַלֶעס וָואס דְרִיקְט דִיר אִיז פוּן דִיר אַלֵיינְס, דוּ טְרַאכְטְסְט אַז דוּ גֵייסְט כַאפְּן אַ נֶערְוֶועזְן בְּרַאךְ, דוּ טְרַאכְטְסְט אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעוִויקְס אִין קָאפּ, אוּן דוּ טְרַאכְטְסְט אַז אַן אָדֶער גֵייט אָט אָט פְּלַאצְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת מַאכְן דִיךְ שְׁוַואךְ, דִי מַחֲשָׁבוֹת לָאזְן דִיךְ נִישְׁט לֶעבְּן, וֶוען בֶּאֱמֶת בִּיסְטוּ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם גֶעוִויקְס, דַיינֶע אָדֶערְן גֵייעֶן נִישְׁט פְּלַאצְן, אוּן אוֹיךְ קֶענְסְטוּ נִישְׁט אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט כַאפְּן אַ נֶערְוֶועזְן בְּרַאךְ; אִיז וָואס פַּיינִיגְסְטוּ זִיךְ? פַארְוָואס? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י.): "גּוּף קָשֶׁה, פַּחַד שׁוֹבְרוֹ", דִי שְׁרֶעק - דָאס טוּט אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ.

זָאג קַאפִּיטְל כט פוּן תְּהִלִּים, זָאג עֶס אַפָּאר מָאל אַ טָאג. דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קְלִיפָּה חֵלֶק א, סִימָן ו): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה", דִי קַאפִּיטְל אִיז מְסוּגָל אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע גֵייסְט, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג פַארְנַאכְטְס נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער אוּן טַאנְצְן מִיט זֵיי, צִינְד אָן לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק אוּן טַאנְץ אוּן פַּאטְשׁ, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן י): "כְּשֶׁיֵּשׁ דִּינִים", וֶוען עֶס אִיז חַס וְשָׁלוֹם דָא דִינִים, "עַל יְדֵי רִקּוּדִים וְהַמְחָאַת כַּפַּיִם", דוּרְךְ פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן, "נַעֲשֶׂה הַמְתָּקַת הַדִּין", וֶוערְט אַלֶעס זִיס; וַוארְף אַוֶועק דִי חָכְמוֹת אוּן טוּ דָאס בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, טַאנְץ אוּן פַּאטְשׁ וֶועט אַלֶעס נִמְתָּק וֶוערְן.

...

## פָּארְן וַואקַאצִיֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן פָּארְן וַואקַאצִיֶע וְכוּ'; קֶענְסְט פָּארְן אוֹיף וַואקַאצִיֶע, סְפֶּעצִיעֶל אַז דַיין וַוייבּ בֶּעט דָאס, זִי זָאגְט אַז זִי דַארְף עֶס פַאר אִיר גֶעזוּנְט, פַאר אִיר מֹחַ, קֶענְסְטוּ גֵיין וַואקַאצִיֶע.

גֶעבּ נָאר אַכְטוּנְג עֶס זָאל זַיין אֵיידְל אוּן פְּרִיוַואט, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ דִי אִינְגֶעלַייט וָואס זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵייעֶר פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן - וֶוערְט פָּאבְּלִיק; אַלֶעס אִיז בִּילְדֶער, אַלֶעס וֶוערְט אַרוֹיסְגֶעלֵייגְט בָּרַבִּים, אַלֶע חֲבֵרִים הַאלְטְן מִיט וְכוּ' וְכוּ'; אַז דוּ גֵייסְט וַואקַאצִיֶע מִיט דַיין וַוייבּ - זָאל דָאס זַיין מִיט אֵיידְלְקֵייט, פְּרִיוַואט.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט אַוֶועק פָּארְן, אוּן אַז מֶען פָּארְט וַואקַאצִיֶע דַארְף דָאס זַיין אִין אַ פְּלַאץ מִיט אַ שׁוּל, מִיט אַ מִקְוֶה, מִיט כָּשֶׁר'עֶ עֶסְן וְכוּ' וְכוּ'.

...

## רֶעדְן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין אִין יְשִׁיבָה, מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב), פוּן דִי נַארִישֶׁע כִּיתּוֹת, יֶעדֶער מִיט זֵייעֶרֶע סְבָרוֹת, אוּן פוּן דִי כִּתָּה פוּנֶעם דַּבְּרָן, דֶער וָואס רֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיין וְכוּ'; מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ נִיצְן דֶעם דִיבּוּר פַּאר גוּטֶע זַאכְן, צוּ מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע, אוּן זִיכֶער טַאטֶע מַאמֶע, אוּן כָּל שֶׁכֵּן דִי וַוייבּ.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים מט:), מֶען זָאל נִישְׁט נֶעמֶען אַן אֵיידֶעם אַן עַם הָאָרֶץ, וַוייל עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ לֵייבּ וָואס אִיז "דוֹרֵס וְאוֹכֵל, וְאֵין לוֹ בֹּשֶׁת פָּנִים", אַזוֹי אוֹיךְ דֶער עַם הָאָרֶץ "אֵין לוֹ בֹּשֶׁת פָּנִים", אוּן וִוי דֶער רַבֵּינוּ תָּם לֶערְנְט פְּשַׁט (תּוֹסְפוֹת שָׁם, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל מַה אֲרִי דּוֹרֵס וְאוֹכֵל), דֶער עַם הָאָרֶץ אִיז נִישְׁט מְפַיֵּיס, עֶר בֶּעט נִישְׁט אִיבֶּער, עֶר גֶעבְּט גֶעבְּט נִישְׁט גוּטֶע וֶוערְטֶער; מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּנֶעם עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן דֶער עַם הָאָרֶץ, דָאס רֶעדְן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין ק:), רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט, וֶוען נִישְׁט דִי תּוֹרָה וָואלְטְן מִיר זִיךְ גֶעלֶערְנְט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן אֵיידְלְקֵייט פוּנֶעם הִינְדְל, "שֶׁמְּפַיֵּיס", וָואס רֶעדְט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער; זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ, דָאס אִיז קְדוּשָּׁה - דָאס מְפַיֵּיס זַיין, אוּן נִישְׁט וִוי דִי וָואס מֵיינֶען אַז מֶען וֶוערְט מֶער דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ, מֶען אַנְטְלוֹיפְט קַיין מִירוֹן וְכַדוֹמֶה, נָאר דָאס רֶעדְן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער; דָאס אִיז דֶער חִילוּק פוּנֶעם עַם הָאָרֶץ אוּן לְהַבְדִּיל דִי דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

בְּרוּדֶער אַנְטְלוֹיף פוּן דִי וֶועג פוּן פְּרִישׁוּת, וָואס זֶעט אוֹיס אַזוֹי דֶערְהוֹיבְּן, אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן כַּיָּדוּעַ, לֶערְן הֲלָכָה, הִיט הֲלָכָה; אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אָבֶּער לֵייג נִישְׁט צוּ.

אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט מַאֲרִיךְ זַיין, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ.

...

## מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין אַ מְלַמֵּד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**יוּדָא נֵרוֹ יָאִיר, לִינְדְן נְיוּ דְזְשֶׁערְסִי**

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד, דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּזֶה הָעוֹלָם הָאבְּן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין אַ מְלַמֵּד, אָבֶּער אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד אַ חֲשִׁיבוּת, מֶען קוּקְט גָאר אַנְדֶערְשׁ אוֹיף אַ מְלַמֵּד; דָאס קֶען זַיין פְּשַׁט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָנִיֵּאל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד', אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת", דִי שְׁטֶערְנְס זֶענֶען בֶּאֱמֶת גָאר גְרוֹיס, נָאר דָא זֶעֶען זֵיי אוֹיס וִוי קְלֵיינֶע בְּרֶעקְלֶעךְ... פִּינְטְלֶעךְ... אַזוֹי זֶענֶען דִי מַצְדִּיקֵי הָרַבִּים, דָא זֶעט מֶען נִישְׁט זֵייעֶר חֲשִׁיבוּת, אָבֶּער אוֹיבְן זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר חָשׁוּב.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּרֶענְג זֵיי צוּ דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע מַדְרֵיגָה פוּן זִיךְ וֶוענְדְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, סַיי קְלֵיינֶע אוּן סַיי גְרוֹיסֶע - צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס מֶען קֶען גֶעבְּן פַאר תַּלְמִידִים, אַרַיינְשַׁיינֶען אִין זֵיי דִי סוֹד פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אִין זֵייעֶר לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג וִויסְן וָואס צוּ טוּן אִין פַארְלוֹירֶענֶע מַצָּבִים וְכוּ' וְכוּ'.

...

## אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט דֶער וָואס פַאלְט נִישְׁט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער זוּן נַחְמָן נָתָן נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי נִיגוּן פוּן "שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִּיק... אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט דֶער וָואס וָואס פַאלְט נִישְׁט"; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ דִי וֶוערְטֶער, וָואס הֵייסְט: "אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט דֶער וָואס פַאלְט נִישְׁט"? וִוי מֶעג מֶען זָאגְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער? הָאבְּן מִיר דֶען אַ הַשָּׂגָה אִין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים? דִי צַדִּיקִים זֶענֶען דֶען אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים? מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה אִין דָאס

גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים אוּן זֵייעֶרֶע מַחֲשָׁבוֹת, יֶעדֶע רֶגַע זֶענֶען זֵיי גְרֵייט אוֹיף מְסִירוּת נֶפֶשׁ, זֵיי לֶעבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, זֵיי וַוארְטְן צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ דִי סָארְט נִיגוּנִים, עֶנְדֶערְשׁ מַאךְ אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער: "אַ 'שְׁטַארְקֶער' אִיז נִישְׁט דֶער וָואס פַאלְט נִישְׁט, אַ 'שְׁטַארְקֶער' אִיז דֶער וָואס פַאלְט אוּן הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף", אָדֶער לֵייג אַרַיין אֵיין וָוארְט: "אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט 'נָאר' דֶער וָואס פַאלְט נִישְׁט, אַ צַדִּיק אִיז 'אוֹיךְ' דֶער וָואס פַאלְט אוּן הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף"; אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען דָאס שְׁטַארְקְקֵייט פוּן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אָבֶּער נִישְׁט זִינְגֶען נִיגוּנִים אוֹיף צַדִּיקִים כְּאִילוּ זֵיי זֶענֶען עֶפֶּעס אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים.

מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קטז), דִי צַדִּיקִים זֶעעֶן אוֹיס וִוי אַלֶעמֶען, "וְאֵין בּוֹ שׁוּם שִׁנּוּי", עֶר זֶעט אוֹיס פּוּנְקְט וִוי אַנְדֶערֶע, אָבֶּער "הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי", זַיין פְּנִימִיּוּת אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע עִנְיָן.

מוֹהֲרָא"שׁ טַייטְשְׁט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיב:): "אִם רִאשׁוֹנִים בְּנֵי מַלְאָכִים", אוֹיבּ זֶענֶען דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים גֶעוֶוען מַלְאָכִים, "אָנוּ בְּנֵי אֲנָשִׁים", זֶענֶען מִיר מֶענְטְשְׁן, "וְאִם רִאשׁוֹנִים בְּנֵי אֲנָשִׁים", אוּן אוֹיבּ זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן, "אָנוּ כַּחֲמוֹרִים", זֶענֶען מִיר אֵייזְלֶען; טַייטְשְׁט מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹיבּ מִיר הַאלְטְן אַז דִי צַדִּיקִים זֶענֶען אַזוֹי גְרוֹיס וִוי מַלְאָכִים, "אָנוּ בְּנֵי אֲנָשִׁים", זֶענֶען מִיר מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים זֶענֶען אַזוֹי וִוי אוּנְז, זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן - "אָנוּ כַּחֲמוֹרִים", זֶענֶען מִיר אֵייזְלֶען (עַיֵּין סֵפֶר יְמֵי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁנַת תשמ"א, אוֹת שפב).

שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימוּד ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, זָאג דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוֹיפְן קוֹל, מִיט אַ נִיגוּן, מִיט אַ חַיּוּת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לִמּוּד חֵלֶק א, סִימָן טז): "הַלּוֹמֵד בְּקוֹל רָם מַאֲרִיךְ יָמִים, וְתַלְמוּדוֹ מִתְקַיֵּם בְּיָדוֹ", דֶער וָואס לֶערְנְט אוֹיפְן קוֹל וֶועט זִיךְ דָאס לֶערְנֶען הַאלְטְן בַּיי אִים.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, דוּ גֶעבְּסְט אוּנְז נַחַת, פַאר מִיר אוּן מַאמִי.

...

## דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן, נֶעמְט מֶען אַוֶועק אַלֶע דִינִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**הִלֵּל נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

נֶעכְטְן זוּנְטָאג הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט בַּיי דִי בָּחוּרִים שִׁיעוּר (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג', מְחֻגָּר) דֶער חָכָם הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם מֶלֶךְ פוּן דִי שֵׁדִים: "אִיךְ הָאב נִישְׁט מוֹרָא פַאר דִיר", אוּן דֶער חָכָם הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דֶער צַדִיק נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע שְׁרֶעק דוּרְךְ אַרַיינְשַׁיינֶען דִי אֱמוּנָה, אוּן דוּרְךְ אֱמוּנָה פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים; אוֹיךְ הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיט טַאנְצְן, מִיט פַּאטְשְׁן; אַזוֹי אִיז מֶען מַמְתִּיק דִי דִינִים, עֶס וֶוערְט זִיס, עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג.

ווארִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן, וֶועט עֶר אַוֶועק נֶעמֶען אַלֶע דִינִים פוּן זִיךְ אוּן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה; אַזוֹי וִוי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ, וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים נָאךְ אַ טָאג אַרְבֶּעט גֵייעֶן זֵיי אַ רִקּוּד אִין שְׁטוּב מִיט דִי קִינְדֶער פַאר אַפָּאר מִינוּט, עֶס וֶוערְט אַ גֶעשְׁמַאקֶע לוּפְט אִין שְׁטוּב, עֶס וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אוּן נִמְתָּק דִי דִינִים.

...

## הֶעלְפְן מִיט דִי מוֹסְדוֹת אוּן דִי קְהִילָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי מוֹסְדוֹת אוּן דִי קְהִילָה אִין אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי הַנְהָלָה? גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעטְרֵייעֶ חֲבֵרִים וָואס פִירְן דִי מוֹסְדוֹת אוּן דִי קְהִילָה, זֵיי זִיצְן אִינְאֵיינֶעם אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט פוּן דִי מוֹסָד אוּן דִי קְהִילָה, עֶס פֶעלְט אוּנְז נָאךְ אַ חָבֵר הַנְהָלָה.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי שְׁטֶעלֶע, בִּיטֶע מִיר לָאזְן וִויסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זֶען אִין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין שֵׁדִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ט׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה.

דָאס וָואס דוּ הָאסְט מוֹרָא אַרַיינְצוּגֵיין אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דוּ זֶעסְט אִין דִי שְׁנֵיי - פוּסְטְרִיט, דוּ בִּיסְט חוֹשֵׁשׁ אַז דָאס אִיז שֵׁדִים, דוּ צִיטֶערְסְט צוּם טוֹיט; דָאס אִיז פוּסְטְרִיט פוּן הֶערְשְׁן, פוּן קַאטְשְׁקֶעס אוּן קֶיָאטִיס, דָאס אִיז נִישְׁט פוּן שֵׁדִים, דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

גֶעבּ נָאר אַכְטוּנְג אַז אִין שְׁטוּבּ זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין שֵׁדִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קְלִיפָּה חֵלֶק א, סִימָן ט): "לְצַד צָפוֹן הַשֵּׁדִים נִגְלִים לִבְנֵי אָדָם מְאֹד", צוּ צָפוֹן זַייט בַּאוַוייזְן זִיךְ דִי שֵׁדִים; אֶפְשָׁר לוֹמַר, צָפוֹן אִיז כַּעַס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יִרְמְיָ׳ א, יד): "מִצָּפוֹן תִּפָּתַח הָרָעָה", פוּן צָפוֹן קוּמְט רָעָה, וָואס דָאס אִיז כַּעַס אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (קֹהֶלֶת יא, י): "וְהָסֵר כַּעַס מִלִּבֶּךָ וְהַעֲבֵר רָעָה מִבְּשָׂרֶךָ"; דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי: ׳לְצַד צָפוֹן׳, אַז מֶען כַּעַס׳ט זִיךְ קוּמֶען דִי שֵׁדִים; אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען שְׁרֵייט, מֶען שֶׁעלְט, מֶען קְרִיגְט זִיךְ - קוּמֶען דִי שֵׁדִים; זָאלְסְטוּ זֶען אִין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין צַד צָפוֹן, אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם מִיט אַהֲבָה, וֶועט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה רוּעֶן בַּיי עֶנְק.

...

**רֶעדְן מִיט דִי בַּאאַמְטֶע וֶועגְן דִי גֶעלְט פוּן דִי וַואוּטְשֶׁערְס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ט׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מְנַחֵם שְׁטֵיינְבֶּערְג נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן, שׁוֹין אִיבֶּער אַ חוֹדֶשׁ וָואס מֶען הָאט נִישְׁט בַּאצָאלְט דִי מְלַמְּדִים, מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, מְנַהֲלִים, מֶענִידְזְשֶׁערְס, אוּן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פוּן דִי מוֹסָד, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ פַארְלוֹירְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ רֶעדְן מִיט דִי בַּאאַמְטֶע פַארְוָואס מֶען הַאלְט אָפּ דִי גֶעלְט פוּן דִי וַואוּטְשֶׁערְס, דִי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס בַּאקוּמֶען הִילְף פוּן דִי שְׁטָאט - צָאלְן נִישְׁט שְׂכַר לִימוּד, אוּן אַז דִי שְׁטָאט גֶעבְּט נִישְׁט דִי גֶעלְט - הָאבְּן מִיר גָארְנִישְׁט, נִישְׁט שְׂכַר לִימוּד אוּן נִישְׁט וַואוּטְשֶׁערְס; אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נֶעמֶען מִיר נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן דִי מְדִינָה הַצִּיּוֹנִית, דָארְט צָאלְן אַלֶע עֶלְטֶערְן שְׂכַר לִימוּד, אִיז אֶפְשָׁר לוֹינְט זִיךְ דָא אוֹיךְ אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד.

אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אוֹיסֶער זִיךְ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַיין מֹחַ, וַוייל אַז אִיךְ קוּם גֶעלְט פַאר מַיינֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה פוּן וואוּ זֵיי צוּ בַּאצָאלְן - וֶוער אִיךְ פַארְשֶׁעמְט.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ נֵס, אִיךְ גֵיי צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, אֲפִילוּ אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צִיפֶּעדִיגֶע פְרֶעסְט, אִיךְ וֵויין דָארְט פַאר אַ נֵס, צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר.

...

**דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס פַּאסִירְן בַּיי אַנְדֶערֶע גֵייט קוּמֶען צוּ מִיר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ט׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידַת בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר מֶעסֶעדְזְשׁ.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא, פַּיינִיגְט זִיךְ נִישְׁט, אִיר וֶועט נִישְׁט כַאפְּן אַ נֶערְוֶוען

בְּרָאךְ; פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ פַּיינִיגְן אוּמְזִיסְט? פַארְוָואס טְרַאכְטְן נֶעגֶעטִיוו?

דָאס וָואס פַּאסִירְט לְעצְטְנְס בַּיי אַייךְ, אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיר הֶערְט בַּיי אַ צְוֵויטְן; אִיר הֶערְט אֵיינֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן טְרַאכְט אִיר אֶפְשָׁר גֵייט אִיר אוֹיךְ שְׁטַארְבְּן, אִיר הֶערְט עֶפֶּעס פוּן אַ מִלְחָמָה טְרַאכְט אִיר גְלַייךְ אַז עֶס גֵייט קוּמֶען צוּ אַייךְ, און אַז אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט אַ נֶערְוֶועְן בְּרָאךְ טְרַאכְט אִיר גְלַייךְ פוּן אַייךְ; דָאס אַלֶעס פַּאסִירְט וַוייל אִיר זֶענְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, און אַז מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ צִיעֶן זִיךְ דִי מַחֲשָׁבוֹת צוּ שְׁלִילִי-נֶעגֶעטִיוו; וָואלְט אִיר גֶעוֶועְן פְרֵיילִיךְ וָואלְט אִיר גֶעטְרַאכְט אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס פַּאסִירְן בַּיי אַנְדֶערֶע אַז אֶפְשָׁר גֵייט דָאס קוּמֶען צוּ מִיר, און דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן נִישְׁט.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט הֶערְן שִׁיעוּרִים פוּן אֱמוּנָה, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב און הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים פוּן אֱמוּנָה, אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין דִי אִידִישֶׁע בְּרִיוְון פוּן אֲשֶׁר בַּנַחַל און פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; דָאס וֶועט שְׁטַארְקְן אַייעֶר מֹחַ מִיט אֱמוּנָה, אִיר וֶועט וֶוערְן צוּרִיק פְרֵיילִיךְ אַזוֹי וִוי אַמָאל.

...

### אַז מֶען טְרַאכְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק קֶען מֶען זַייעֶר מַצְלִיחַ זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ט׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען פְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה און דֶער דַיָין פַּסְקֶ׳נְט - אִיז נִישְׁטָא מֶער דִי זַאךְ פוּן אִיבֶּערְטְרַאכְטְן, דָאס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע יֵצֶר הָרָע, דָאס אִיז אַ סַכָּנָה; מֶען דַארְף וִויסְן אַז דִי זַאךְ אִיז גֶעעֶנְדִיגְט, אֵיין מָאל מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט און מֶען הָאט גֶע׳פַּסְקֶ׳נְט - אִיז דִי זַאךְ פַארְבַּיי.

בִּכְלָל אִיז אַ גְרוֹיסֶע יֵצֶר הָרָע דָאס אִיבֶּערְטְרַאכְטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי

מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צב; וּבְשִׂיחוֹת שֶׁאַחַר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת): "דָאס עֶרְשְׁטֶע תִּיקּוּן אִיז נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן"; דָאס אִיבֶּערְטְרַאכְטְן הַרְגֶ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס לָאזְט אִים נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער, נִישְׁט אוּמְזִיסְט זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו), בַּיי מִיר אִיז דָאס פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען - אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וַוייל נָאר אַז מֶען טְרַאכְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק - קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

זַייט זִיךְ מְחַיֶה אַז אִיר זֶענְט אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע, אַז אִיר צִיט אוֹיף קִינְדֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מַאכְן וֶועשׁ, מַאכְן רֵיין, אָנְגְרֵייטְן עֶסְן - אִיז מֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן אַז מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ זָאגְן אַ אִידִישׁ וָוארְט, נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים וְכוּ' - דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אַז מֶען טוּט דִי הֵיילִיגְסְטֶע אַרְבֶּעט.

נִישְׁטָא הֶעכֶערְס פוּן אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער...

...

## אָנְצוּצִינְדְן אִין שְׁטוּב לֶעבֶּעדִיגֶע עֶרְלִיכֶע מוּזִיק אוּן פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ט' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ...**

דָאס וָואס דוּ זֶעסְט אוֹיפְן קֶערְפֶּער אַ בָּאמְפּ אוּן דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט גֵיין דָאס בּוֹדֵק זַיין וְכוּ'.

מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין בּוֹדֵק זַיין דִי זַאכְן, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִּיקִים נִישְׁט צוּ גֵיין צוּם דָאקְטֶער זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן, וַוייל אַז מֶען זוּכְט - טְרֶעפְט מֶען... צוּם דָאקְטֶער גֵייט מֶען נָאר אַז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט.

דֶערִיבֶּער דַארְפְסְטוּ נִישְׁט גֵיין זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן, אוּן בְּנוֹגֵעַ דִי בָּאמְפּ; אַלֶע הָאבְּן דָאס, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט.

עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ גֵיין צוּ דָאקְטֶער פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד), שִׂמְחָה הֵיילְט, שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶעס; אוֹיךְ אִיז דָא אַ גוּטֶע מֶעדֶעצִין פוּן רֶבִּי'ן, "טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן"; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק א, סִימָן י), אַז פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע דִינִים; עֶס אִיז גוּט אָנְצוּצִינְדְן

אִין שְׁטוּב יֶעדְן טָאג פַאר פִינְף צֶען מִינוּט לֶעבֶּעדִיגֶע עֶרְלִיכֶע מוּזִיק אוּן פַּאטְשְׁן אוּן טַאנְצְן, דָאס אִיז אַ רְפוּאָה אוֹיף פַאר דִי נֶפֶשׁ, עֶס הֵיילְט מֶענְטְל...

...

## הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ דִי וַוייבּ, אִיר מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, ט' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זֶע אַז דוּ הָאסְט אַזַא סַבְלָנוּת פַאר דִי אִינְגֶעלַייט, דוּ בִּיסְט זֵיי אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵק אוּן מְקָרֵב, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; אִיר מְחַזֵק זַיין אוּן מְקָרֵב זַיין, דֶערְצֵייל אִיר וואוּ דוּ גֵייסְט אוּן מִיט וֶועם דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט, וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן וֵוייניִגֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ דַיין וַוייבּ, רֶעד זִיךְ נִישְׁט אַיין אַז אַזוֹי פְלִיט מֶען אִין הִימְל, אַז מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט מִתְיַחֵס צוּ דִי וַוייבּ פְלִיט מֶען אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ, מֶען אִיז אַ פְלִיטֶע, מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ וֵוייס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, מִיט דֶעם אַלֶעם וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מְקַבֵּל זַיין בְּאַהֲבָה אוּן זַיין פוּן דִי "נֶעֱלָבִים וְאֵינָם עוֹלְבִים, שׁוֹמְעִים חֶרְפָּתָם וְאֵינָם מְשִׁיבִים", וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת פח:) אַז זֵיי זֶענֶען דִי לִיבְּהָאבֶּערְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַז דַיין וַוייבּ שְׁרֵייט אוּן בַּארֶעדְט דִיךְ - דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר, דָאס אִיז תִּיקוּנִים; דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער רֶעדְן מִיט אִיר, הָאבְּן סַבְלָנוּת, אוּן אִיר מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן, בֶּעט אִיךְ דִיר נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן פָּאלְג וָואס שְׁטֵייט דָא אִינֶעם בְּרִיוו, בִּיז דוּ וֶועסְט נִכְלָל וֶוערְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶועט וֶוערְן 'חַשְׁ-מַל', דוּרְךְ 'חָשׁ' - שְׁוַוייגְן, וֶועט וֶוערְן 'מָל', בְּחִינַת מִילָה, בִּיטוּל הָעָרְלָה (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן פב).

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז אַזוֹיפִיל גוּטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז דָא גוּטֶע נַייעֶס; ווִיפִיל דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גוּט, עֶר טוּט מִיט אוּנְז אַזוֹיפִיל גוּטְס.

מוֹהֲרַא״ש זָאגְט אַז דוּרְכְאוֹיס דִי נַיין חֲדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט וְכוּ׳ זָאל מֶען יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים, אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב, סִימָן כ): ״עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע״, דוּרְכְן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוֹישְׁן דִי טֶבַע; דֶערִיבֶּער אִין דִי טֶעג, אִין דִי חֳדָשִׁים - אִיז גוּט אַרוֹיסְצוּזָאגְן דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט אוֹיף אוֹיסְנְוֶוייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, מוֹהֲרַא״ש - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען מִתְפַּלֵל זַיין.

דָא הָאט אִיר אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן:

״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בִּרְמַ״ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ״ה גִּידִים אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט - גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ

זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה אוּן הֶעלְף מִיר אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִּיקִים, וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דוּרְךְ תְּפִלָּה וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט וָואס דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן, זֵיי דֶערְשְׁרֶעקְן מִיט אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד; פַּארְלִירְט אַייךְ נִישְׁט, תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ, תְּפִלָּה אִיז מְבַטֵּל דִי טֶבַע, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּיב כָּךְ וְהַתְּפִלָּה מְשַׁנֶּה אֶת הַטֶּבַע", אֲפִילוּ אַז דִי טֶבַע זָאגְט אֵיין זַאךְ, קוּמְט תְּפִלָּה אוּן דְרֵייט אַלֶעס אִיבֶּער; דוּרְךְ תְּפִלָּה וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיי נִישְׁט מְרַחֵק דַיין זוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ וֶועסְט מְרַחֵק זַיין דַיין זוּן פַארְן אוֹיפְשְׁטֵיין שְׁפֶּעט - וֶועסְטוּ אִים

פַארְלִירְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אִיךְ וָוארְן דִיךְ דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן דֶעם בִּיטֶערְן טָעוּת וָואס עֶלְטֶערְן מַאכְן, קוּק נִישְׁט וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף; קֶענְסְט אִים וֶועקְן אֵיינְמָאל צְוֵויי מָאל, אוּן פוּן דָארְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט גֶעבְּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע בַּאנֶעמוּנְג (עֶדִיטוּד).

דַיין זוּן אִיז לִיכְטִיג אוּן טַייעֶר, עֶר הָאט אַזַא וַוייכֶע הַארְץ, אַ אִידִישֶׁע הַארְץ, אוּן דָאס וָואס עֶר שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט דָאס מַאכְט אִים גָארְנִישְׁט וַוייניגֶער; אִיךְ הָאבּ לִיבּ דַיין זוּן, אִיךְ זֶע אִין אִים נָאר גוּטְס.

אַז דוּ ווִילְסְט מוֹסִיף זַיין אִין קְדוּשָּׁה זָאלְסְטוּ אוֹיפְשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס; שְׁטֵיי אוֹיף פַּארְטָאגְס, זָאג תִּיקוּן חֲצוֹת, אוּן לֶערְן חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן וַויין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

...

## אַייעֶר מַאן אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז צֶעבְּרָאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, יֶעצְט וֶוען אַייעֶר מַאן אִיז אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, עֶר ווִיל נִישְׁט גֵיין שַׁבָּת אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, עֶר בְּלַייבְּט שְׁלָאפְן; זָאלְט אִיר אִים גָארְנִישְׁט זָאגְן, אִיר זָאלְט אִים נִישְׁט גִיסְן קַיין זַאלְץ אוֹיף דַיינֶע וואוּנְדְן, אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ וֵוייס אַז דָאס אִיז אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל וֶוען דֶער מַאן אִיז אִין שְׁטוּבּ בְּלַייבְּן שׁוֹין אוֹיךְ דִי קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶס וֶוערְט זֵייעֶר שְׁוֶוער, דִי שַׁבָּת וֶוערְט אַזוֹי לַאנְג, אוּן אַז דִי קִינְדֶער בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֵייבְּן זֵיי אָן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן וְכוּ׳ אוּן עֶס וֶוערְט זֵייעֶר שְׁוֶוער; דָאךְ זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁלָאגְן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת צוּ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ.

אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, עֶר אִיז צֶעבְּרָאכְן; אַז מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אַז מֶען אִיז אִין מָרָה שְׁחוֹרָה - קֶען מֶען נִישְׁט

אַרוֹיסְגֵיין פוּן בֶּעט, אוּן אַזוֹי ווִי וֶוען אֵיינֶעמְ׳ס פוּס אִיז צֶעבְּרָאכְן פַארְשְׁטֵייט מֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל, ווַייל ווִי קֶען מֶען גֵיין מִיט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע פוּס, אַסַאךְ אַסַאךְ מֶער אִיז וֶוען מֶען פַאלְט אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע; דַאן וֶוערְט דִי מֹחַ צֶעבְּרָאכְן, אוּן דִי מֹחַ וָואס דַארְף שִׁיקְן דִי סִיגְנַאלְן צוּ דִי פִּיס אוּן צוּ דִי אִיבְּרִיגֶע גְלִידֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ רִירְן, זֵיי זָאלְן אָנְהֵייבְּן גֵיין – שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ, קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט רִירְן, לִיגְט עֶר אִין בֶּעט טוֹיט, אוּן אַז דִי ווַייבּ ווֵייסְט נִישְׁט דִי הַקְדָמוֹת וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ מֶער פַּארַאלִיזִירְט, ווַייל עֶר זֶעט אוּן שְׁפִּירְט ווִי דִי ווַייבּ וֶוערְט אוּמְגֶעדוּלְדִיג וְכוּ׳.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, דֶערְמַאנְט אַייךְ ווִי פַאר אַ יָאר צוּרִיק הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיר זָאלְט טוּן אַז אַייעֶר מַאן טוּט נִישְׁט אָן קַיין תְּפִילִין, אוּן דֶעמָאלְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי עֶנְטְפֶער אַז אִיר זָאלְט ווַייטֶער שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִים, אִיר זָאלְט נִישְׁט זַיין דֶער מַשְׁגִיחַ זַיינֶע, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵייגְן תְּפִילִין; אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ יֶעצְט, מַאכְט נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ, ווַייל וֶוען דִי מַאמֶע אִיז פְרֵיילִיךְ זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז דִי מַאמֶע אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ – וֶוערְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ בְּעַצְבוּת; דֶערְפַאר זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נָאר זַיין וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פב), דָאס וָואס מֶען זֶעט אַמָאל בַּיי זִיךְ אַז אַלֶעס גֵייט פַארְקֶערְט ווִי מֶען ווִיל, דָאס קוּמְט צוּלִיב דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל עֶס זָאל זַיין אַזוֹי, עֶר ווִיל עֶס זָאל זַיין אַזִי, אוּן אַז מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַלֶעס שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר; אוּן אַז מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַאן קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיף וָואס קוּקְט אַ אִיד בַּיים גֵיין וואוֹינֶען אִין אַ פְּלַאץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דִי נַייעֶ יִשּׁוּב אִין פְלַארִידֶע; דוּ ווִילְסְט אַהִין גֵיין וואוֹינֶען, דוּ פְּרֶעגְסְט אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט גֵיין.

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, עֶס ווֶענְדְט זִיךְ ווֶער עֶס גֵייט אַהִין גֵיין וואוֹינֶען, אוֹיבּ גֵייעֶן אַהִין גֵיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, עֶס גֵייעֶן דָארְט זַיין עֶרְלִיכֶע קְהִלּוֹת מִיט עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת - דֶעמָאלְט קֶען מֶען טְרַאכְטְן פוּן אַהִין גֵיין וואוֹינֶען, אָבֶער אַז נָאר מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן זִיךְ אוּן אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה גֵייעֶן אַהִין - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַהִין גֵיין, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז דָארְט ווַארֶעם, אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז דָארְט גָאר בִּילִיג דִי שְׁטֵייעֶר, אוּן אֲפִילוּ עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין שְׂכַר לִימוּד, אוּן אֲפִילוּ מֶען ווֶעט דִיר גֶעבְּן אוּמְזִיסְט אַ גְרוֹיסֶע דִירָה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַהִין גֵיין, נָאר בְּלַייבְּן אִין דַיין גֶעגְנְט אִין מָאנְסִי מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן. ווַייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ט), רַבִּי יוֹסֵי בֶּן קִסְמָא דֶערְצֵיילְט: אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם אוּן יֶענֶער פְּרֶעגְט מִיר וואוּ אִיךְ וואוֹין, אִין ווֶעלְכֶע שְׁטָאט; הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אִיךְ וואוֹין אִין אַ פְּלַאץ פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "אָמַר לִי, רַבִּי, רְצוֹנְךָ שֶׁתָּדוּר עִמָּנוּ בִּמְקוֹמֵנוּ, וַאֲנִי אֶתֵּן לְךָ אֶלֶף אֲלָפִים דִּינְרֵי זָהָב וַאֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת", הָאט עֶר מִיר גֶעפְרֶעגְט: 'אֶפְשָׁר ווִיל דֶער רֶבִּי קוּמֶען וואוֹינֶען בַּיי אוּנְזֶער שְׁטָאט אוּן אִיךְ ווֶעל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט אוּן טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער', "אָמַרְתִּי לוֹ, בְּנִי, אִם אַתָּה נוֹתֵן לִי כָּל כֶּסֶף וְזָהָב וַאֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, אֵינִי דָר אֶלָּא בִּמְקוֹם תּוֹרָה", הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: 'אֲפִילוּ אוֹיבּ דוּ ווֶעסְט מִיר גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט פוּן דִי ווֶעלְט ווֶעל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין וואוֹינֶען נָאר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה', "וְלֹא עוֹד, אֶלָּא שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם אֵין מְלַוִּין לוֹ לָאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד", ווַייל ווֶען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי ווֶעלְט נֶעמְט עֶר מִיט נָאר תּוֹרָה אוּן גוּטֶע

מַעֲשִׂים; דִי אַלֶע גֶעלְט, גָאלְד און זִילְבֶּער - דָאס נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט מִיט זִיךְ.

וֶוען אַ אִיד זוכְט אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ וואוֹינֶען קוּקְט מֶען נִישְׁט וואוּ עֶס אִיז בִּילִיג און וואוּ מֶען צָאלְט וֶוייניג שְׁטֵייעֶר, אַ אִיד קוּקְט אוֹיף אֵיין זַאךְ: 'וואוּ וואוֹינֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן? וואוּ וֶועלְן מַיינֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן עֶרְלִיכֶע אִידְן?' נָאר אוֹיף דֶעם קוּקְט אַ אִיד, און אַז מֶען הָאט גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מוֹסְדוֹת פַאר דִי קִינְדֶער, מִיט אַ עֶרְלִיכֶע שׁוּל, מִיט אַן עֶרְלִיכֶער רָב; נָאר אוֹיף דֶעם קוּקְט מֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי שְׁוֶועריַקייטְן אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי הִתְקַרְבוּת צוּם צַדִיק

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**צוּ מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין וֶוייטָאגְלִיכֶע בְּרִיוו.

אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן דִיר אַז זֵיי הָאבְּן פוּן דִיר צַעַר - זָאלְסְטוּ דָאס נֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, זָאלְסְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קְלַאפְּן מִיט דֶעם, זָאלְסְט נִישְׁט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ שׁוּלְד גֶעפִיל וֶועגְן דֶעם; וָואס קֶען מֶען טוּן, דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי הִתְקַרְבוּת צוּם צַדִיק, דָאס אִיז וָואס אַלֶע דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין בַּיים וֶוערְן מְקוֹרָב, אַז דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן צַעַר פוּן דִי פִילֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז זֵיי דֶערְצֵיילְן קֵיינֶעם נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט זִיךְ פַארְהֶערְט און בַּאקוּמֶען דִי הוֹרָאָה וְכוּ' -דָאס אִיז נָאר אַ מַעֲלָה, דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיי אוּנְז, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דְרֵיי זַאכְן הָאבּ אִיךְ גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיי מַיינֶע לַייט, אַן עֲבֵירָה וֶועלְן זֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט קֶענֶען טוּן בִּשְׁלֵימוּת - עֶס וֶועט זַיין פוּל מִיט חֲרָטוֹת, דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ, אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין מֶער נִישְׁט קֶענֶען לַיידְן קֵיין גֶעמַאכְטֶע מַעֲשִׂיוֹת, זֵיי וֶועלְן זִיךְ פַארְ'מִיאוּסְ'ן פוּן דִי גֶעמַאכְטֶע פַאלְשֶׁע רֶבִּי'ס, און דְרִיטְנְס, אַז דָאס גַּדְלוּת

הָאב אִיךְ אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן זֵיי", אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים; דָאס אִיז אַ מַעֲלָה, אַז דָאס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען זֶענֶען רֵיין, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזָאגְט: "וִויפִיל דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָארֶעוֶוען אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גִּלּוּי אֵלִיָּהוּ, אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאל אִים קוּמֶען בַּאגְרִיסְן אִין חָלוֹם, אוּן וִויפִיל דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָארֶעוֶוען אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא זָאל קוּמֶען קְלַאפְּן אִין טִיר בֶּעטְן רְשׁוּת אוֹיבּ עֶר מֶעג לֶערְנֶען מִיט אִים", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז גֶעקוּמֶען קְלַאפְּן אִין טִיר פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶר מֶעג מִיט לֶערְנֶען מִיטְן בַּעַל שֵׁם טוֹב וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אֲחִיָּה הַשִּׁילוֹנִי, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוּן מִיט אֵיין מַחֲשָׁבָה פוּן גַּאֲוָה, אֵיין מַחֲשָׁבָה וָואס מֶען טְרַאכְט 'אִיךְ בִּין אַהֶער, אִיךְ בִּין אַהִין' - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס"; קוּמְט אוֹיס, אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דִיר אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דַיין לֶערְנֶען - אִיז דָאס נָאר אַ טוֹבָה אוּן אַ מַעֲלָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דֶערְצֵייל נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ דָאס וָואס דַיינֶע עֶלְטֶערְן קְלַאפְּן דִיךְ, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּנָאר פַאר דַיין וַוייבּ. אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִיךְ, שְׁלִינְג עֶס אַרָאפּ, דֶערְצֵייל עֶס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ וֵוייס פוּן נָאנְטֶע חֲבֵרִים וָואס מֶען הָאט זֵיי אִין אָנְהֵייבּ גֶעשִׁינְדְן דִי הוֹיט אוּן זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַאר קֵיינֶעם.

דוּ וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן נַחַת פוּן דִיר אוּן פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, נָאר דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי תִּיקוּנִים וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער בַּיים נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶער נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען שְׁרַייבְּן; פָּנִים בְּפָנִים וֶועל אִיךְ דִיר קֶענֶען דֶערְצֵיילְן בִּפְרָטִיּוּת וָואס אִיז אַרִיבֶּער אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר אוֹיף בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, עוֹבְדֵי הַשֵּׁם, צַדִּיקִים נִסְתָּרִים, וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי שְׁוֶועריִקְייט אוּן וִוי אַזוֹי עֶס הָאט זִיךְ בַּיים סוֹף אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט וֶוערְן צוּשְׁפִּילְט וֶוען דִי וַוייבּ זָאגְט אַ וָוארְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, זִי שְׁרַייבְּט אַז זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען אוּן זָאגְן: ״קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מִיךְ״, אוּן דוּ הָאסְט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן, הָאסְט אִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ דַארְפְסְט אִיר יָא, אוּן זִי פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט (נִישְׁט מִיט שֵׂכֶל) הָאט דִיר צוּרִיק גֶעזָאגְט: ״דוּ דַארְפְסְט מִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט, דוּ דַארְפְסְט מִיךְ נָאר פַאר דִיר״ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דָאס הָאט דִיךְ צוּשְׁפִּילְט, דוּ בִּיסְט בַּאלֵיידִיגְט גֶעוָוארְן, אוּן זַייט דֶעמָאלְט ווִילְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן מִיט אִיר.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט עֶס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ; דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין, וֶוען מֶען הָאט דִי גֶעפִיל אַז מֶען אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד פַארְלִירְט מֶען מַמָּשׁ דִי שֵׂכֶל, מֶען קֶען זֵייעֶר זֵייעֶר פַאלְן, אוּן מֶען קֶען זָאגְן וֶוערְטֶער וָואס קֶען וֵויי טוּן, אָבֶּער מֶען טָאר דָאס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, מֶען דַארְף דַן זַיין לְכַף זְכוּת, בִּפְרַט דַיין וַוייבּ וָואס אִיז אַ טַייעֶרֶע פְּרוֹי, זִי אִיז נָאר זֵייעֶר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, זִי שְׁפִּירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן אַז זִי זָאגְט דִיר אַ וָוארְט טָארְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צוּשְׁפִּילְט, נָאר אִיר וַוייטֶער זָאגְן שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין קַטְנוּת הַדַּעַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע שְׁפְּרַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקְט אַייךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ בַּיי אַייךְ אוּן נֶעבְּן אַייךְ, וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען קֶען רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, אַז אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אִיז עֶנְגְלִישׁ - זָאלְט אִיר רֶעדְן אִין עֶנְגְלִישׁ, מֶען זָאגְט בַּיים דַאוְונֶען: ״כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִילּוֹת כָּל פֶּה עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בְּרַחֲמִים״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְנְ׳ס גֶעבֶּעט.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן צח), תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁטֶעקְן אוֹיף וָואס אַ שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ לַאנְט זִיךְ אָן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט תְּהִלִּים בַּאקוּמְט עֶר אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָּחוֹן זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים יח, יט): ״וַיְהִי ה׳ לְמִשְׁעָן לִי״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַאר מִיר אַ אָנְלַאנֶער, אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ אוֹיף אִים, אִיךְ לִיג אוֹיף אִים.

גֶעבְּט אַ גְרִיס פַאר אַייעֶרֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ זְכִיָּה צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל נֵרוֹ יָאִיר, מַגִּיד שִׁיעוּר יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן אַז אִיךְ זֶע אִין דִי קַאמֶערֶע פוּן יְשִׁיבָה וִוי דֶער בָּחוּר מֹשֶׁה רוֹטְמַאן רֵיינִיגְט דִי יְשִׁיבָה, דִי שׁוּל; אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם, עֶר טוּט דָאס וָואךְ נָאךְ וָואךְ אִין אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶס אִיז שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, וַואשְׁן אוּן רֵיין מַאכְן אוּן פַארְרֶעכְטְן, דָאס

טוּט עֶר נִישְׁט פַּאר גֶעלְט, עֶס אִיז בַּיי אִים אַ זְכִיָּה צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס שׁוּל.

לֵייג אַרַיין אִין דִי בָּחוּרִים אַז אַלֶע זָאלְן זָאלְן טוּן, אַלֶע זָאלְן הֶעלְפְן, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ זַאךְ וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַחְרַיוּת, דָאס אִיז זֵייעֶר עוֹל, דָאס טוּעֶן זֵיי פַּארְן רֶבִּי׳ן, אָן קַיין עֶרְוַואַרְטוּנְגֶען, וַוייל אַלֶע וָואס טוּעֶן פַּארְן רֶבִּי׳ן זֶענֶען זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְן הֶעלְפְן מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ״א יֶעצְט וְוען עֶר אִיז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מַיין שְׁוֶוער רוּפְט מִיךְ זָאגְן אַז עֶנְק זֶענֶען אִים זֵייעֶר גֶעטְרֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קוּקְט אִיבֶּער דִי מְזוּזוֹת בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קוּקְט אִיבֶּער דִי מְזוּזוֹת בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ, אַמָאל קֶען זַיין דָאס וָואס מֶען לַיידְט אִיז וַוייל דִי מְזוּזוֹת זֶענֶען נִישְׁט כָּשֵׁר.

אוֹיךְ זָאלְן עֶנְק גִיסְן זַאלְץ אִינְדְרוֹיסְן פוּן עֶנְקֶער שְׁטוּבּ, עֶס קֶען זַיין עֶס אִיז דָא אַן עַיִן הָרָע אוֹיף עֶנְק.

בִּזְכוּת וָואס אִיר שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר זָאל נִמְתָּק וֶוערְן פוּן אַייךְ אַלֶע דִינִים אוּן אִיר זָאלְט שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת אוּן צוּ אַ שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַשְׁיוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, אֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו אוּן עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, סֵיי מִיט דִי גֶעזוּנְט מִיט דַיין ווַייבּ וְוִי זִי דַארְף אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אוּן סֵיי אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ יָארְן, אוּן סֵיי וְוִי דוּ פְּלָאגְסְט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְסְטוּ אַלֶעס מַאכְן אוּן טוּן; דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ פַאלְסְט פוּן דַיינֶע כֹּחוֹת, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מֶער.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוּן קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן מִיר וֶועלְן דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוּן דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן נב), אַז אַזוֹי דַארְף זַיין, אוּן עֶס אִיז שַׁיין עֶס זָאל זַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל אוֹיבּ וָואלְט מֶען וֶוען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַזוֹי וְוִי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס פַארְשְׁטַאנְד, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן", עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה.

קֵיינֶער קֶען דִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין; וְוִי קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי הַארְץ פוּן אַ אִיד וָואס וַוארְט אַזוֹי לַאנְג אוֹיף קִינְדֶער, אוּן בְּנוֹסָף דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ' וְכוּ', דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי קַשְׁיוֹת אִיז קְלִיפּוֹת, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, יֶעדֶע קַשְׁיָא אִיז אַ קְלִיפָּה, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קטו, ב): "'לָמָּה', יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם" אַ גוֹי פְרֶעגְט 'פַארְוָואס?' אַ אִיד פְרֶעגְט נִישְׁט פַארְוָואס, אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים, אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט:

"וִוי אַזוֹי? אָט אַזוֹי, אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט, אַזוֹי אִיז גוּט, 'אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לוֹ', ווארויל אִיז פַּאר אַ אִיד וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר עֶר חַזֶר'ט שְׁטֶענְדִיג: 'שֶׁכָּכָה לוֹ'".

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, גֵיי קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן, זֵיי דָארְט מִתְפַּלֵל. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אִין זַיין צַוָואָה (צַוָואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ה): "מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז יֶעדֶע וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַּאר מַיין מַצֵּבָה אִיז אֱמֶת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן קֶען מַיין צוּבְּרָאכְן הַארְץ וֶועלְכֶע אִיז צוּבְּרָאכְן אוֹיף טוֹיזְנְטֶער שְׁטִיקְלֶעךְ כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר. אוּן אִיךְ הָאף אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר אוּן מֶען וֶועט דָארְט דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ תִּיקּוּן פַּאר מַיין נֶפֶשׁ רוּחַ אוּן נְשָׁמָה.

אַזוֹי וִוי בַּיי מַיין לֶעבְּן זֶענֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן דוּרְךְ מִיר, אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיךְ נָאךְ מַיין הִסְתַּלְּקוּת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר, וֶועט מֶען נִתְעוֹרֵר וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.

אוֹיךְ וֶועט מֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף קֶענֶען פּוֹעֶל'ן בַּיי מַיין קֵבֶר אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת. וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען מִתְפַּלֵל זַיין בַּיי מַיין קֵבֶר, וֶועל אִיךְ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל זֶען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי יְשׁוּעָה פַּאר דֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף מַיין קֵבֶר.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַ בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר אוּן דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים אָן קַיין הֶפְסֵק, זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַז זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם", עַד כַּאן.

בִּיטֶע אוֹיךְ בֶּעטְן פַּאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיי שְׁטַארְק מִיט מִקְוֶה אוּן דַאוְֽועֶנֶען מִיט מִנְיָן וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

אַ שָׁאד דוּ קוּמְסְט מֶער נִישְׁט צוּ דִי שִׁיעוּרִים, הָאסְט דָאךְ אַזוֹיפִיל בַּאקוּמֶען אַלְס בָּחוּר בַּיים רֶבִּי׳ן, אִיז אַ שָׁאד אַז דוּ זָאלְסְט אַלֶעס אָפְּלָאזְן, אַ שָׁאד אָפְּצוּלָאזְן אַזַא הֵיילִיגֶע חַבּוּרָה וָואס מֶען דֶערְמַאנְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן תַּכְלִית, פוּן לֶערְנֶען, פוּן דַאוְֽועֶנֶען, פוּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי שְׁטַארְק אִין גֵיין אִין שׁוּל דַאוְֽועֶנֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת; אִיךְ וֵוייס אַז דוּ זִינְקֶסְט אִין חוֹבוֹת, אִיךְ בִּין עֶס תּוֹלֶה אִין דֶעם אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט שְׁטַארְק אִין גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוְֽועֶנֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין חֵלֶק א, סִימָן פא): ״הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין״, מִקְוֶה אִיז מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים; אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט מִקְוֶה אוּן מִיט דַאוְֽועֶנֶען מִיט מִנְיָן וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס.

...

## זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ בָּחוּר, דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג פוּן זַיין אַלֵיין אִיז נִישְׁט מַשִּׂיג צוּ זַיין. מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט: ״נִישְׁטָא אַזַא צַעַר וִוי דִי וֵוייטָאג וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער״; וִוי שְׁטַארְק עֶר וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, וִויפִיל מָאל עֶר אִיז מַחְלִיט עַד כַּאן, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית קוּמֶען אַרַיין גֶעמִישְׁטֶע גֶעפִילְן, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן וִוי מֶען אִיז אַ גָארְנִישְׁט, מֶען קֶען שְׁפִּירְן פְּלוּצְלוּנְג וִוי

שְׁוַואַרְצֶע וָואלְקֶענֶעס קוּמֶען, מֶען וֶוערְט טְרוֹיעֶרִיג, אוּן דָאס שְׁפִּילְט זִיךְ אִיבֶּער אַ גַאנְצֶע צַייט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אָבֶּער אַז מֶען זָאגְט פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן מֶען גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, מֶען טַעֲנָה'ט זִיךְ אוֹיס, מֶען זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה, אִיךְ בִּין צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ הָאבּ אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרָע וָואס פַארְבְּרֶענְט מִיךְ, אִיךְ קֶען נִישְׁט, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, צוּ תְּשׁוּבָה אֲמִתִּית".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן דַיין שִׁידוּךְ.

...

## גֵיי יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן סַאטְמֶער זי"ע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ וֵוייס גַאנְץ גוּט אַז דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף פִּיצְ-פִּיצְלִיךְ, שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג וָואס דוּ וַוארְטְסְט אוֹיף דַיין שִׁידוּךְ, דוּ ווִילְסְט אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן בִּיז יֶעצְט בִּיסְטוּ אַ פְּלַג גוּף, אוּן דוּ הָאסְט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ'; דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר דֶערְהַאלְט זִיךְ, דְרַאפֶּע זִיךְ, שְׁטַארְק זִיךְ בֶּאֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ.

גֵיי אַרוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן סַאטְמֶער, זָאג דָארְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי,

(דָאס וֵוייסְן אַלֶע סַאטְמֶערֶע חֲסִידִים, אַז דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהֵייסְן אַרַיינְדְרוּקְן אִין דִי תְּהִלִּים וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן מִיט דִי פֵּירוּשׁ פוּן זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי; טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז און קן), אוּן זֵיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג, אַן עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ, אַ שִׁידוּךְ וָואס דִי מֵיידְל וֶועט זִיךְ וֶועלְן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ אִיר חֲתוּנָה; גֶעבּ דָארְט צְדָקָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט שׁוֹין טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ מִיט אַלֶע וָואס דַארְפְן שִׁידוּכִים, אַלֶע זָאלְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

...

## מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט אֱמוּנָה גֵייט מֶען אַרִיבֶּער דִי צָרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שַׁבַּת שִׁירָה, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, זַיי זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, גֶעבּ אַ קוּק וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט; מֶען שְׁטֵייט פַאר אַ גְרוֹיסְן יַם, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן וואוּ דִי יְשׁוּעָה וֶועט קוּמֶען, אוּן מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט אֱמוּנָה שְׁפַּאלְט זִיךְ דֶער וַואסֶער אוּן מֶען גֵייט אַרִיבֶּער דִי צָרוֹת; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם - אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען הָאט אֱמוּנָה.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, דֶערְצֵייל זֵיי וִוי אַזוֹי דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פְּרֶעגְן (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח ו, ז) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת יד, לא): "וַיַּאֲמִינוּ בַּה׳ וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ", דִי אִידְן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּיי קְרִיעַת יַם סוּף צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, פְּרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: "אִם בְּמֹשֶׁה הֶאֱמִינוּ, בַּה׳ לֹא כָּל שֶׁכֵּן", אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט

אֱמוּנָה אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! "אֶלָּא כָּל הַמַּאֲמִין בְּרוֹעֶה שֶׁל יִשְׂרָאֵל כְּאִלּוּ מַאֲמִין בְּמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם", נָאר דִי תּוֹרָה ווִיל אוּנְז וַוייזְן ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דוּרְךְ אֱמוּנַת חֲכָמִים; ווייל דוּרְכְדֶעם ווָאס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ 'וַיַּאֲמִינוּ בַּה'".

קוּמֶענְדִיגֶע ווָאךְ מִיטְוָואךְ וֶועט זַיין דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, מִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה אִין מָאנְסִי דִינְסְטָאג אָוֶוענְט, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ קָאמְפֵּיין צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי צַוָּואָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, פוּן הֶעלְפְן דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים; אִיךְ לַאדְן דִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קוּמֶען.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת!

...

### אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין, אֵיידֶל אוּן וֵוייךְ וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הָעִקָּר מַה שֶּׁקּוֹרִין "זִיךְ דֶערְהַאלְטְן" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אִיךְ הִימְל ווִיל מֶען זֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ דֶערְהַאלְט זִיךְ, מֶען ווִיל זֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען עֶס אִיז אִים בִּיטֶער שְׁוֶוער.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט וֶוען מֶען פְּרוּבִּירְט דִיךְ אוֹיס, דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער דַחְקוּת אִין פַּרְנָסָה, זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, זָאלְסְט גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אִים, אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן פַּרְנָסָה אַ מַתְּנַת חִנָּם, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן, עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ סְגוּלָה פַאר עֲשִׁירוּת, צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי ווייבּ, רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; טוּ דִי סְגוּלָה, קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט שְׁרֵייעֶן

אוֹיף דַיין וַוייבּ, אָדֶער רֶעדְן שְׁטֶעכֶעדִיג, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אִיר פַארְשֶׁעמֶען; אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין, אֵיידְל אוּן וֵוייךְ - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת.

...

## דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה וָואס זֵיי לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**אַהֲרֹן לוּנְגֶער נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט מַיין אֵיינִיקְל נַחְמָן נָתָן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט גֶעזוּנְגֶען דִי שִׁירָה מִיט דִי נִיגוּן אוּן מִיט דִי טַייטְשׁ, עֶר הָאט זֵייעֶר גוּט גֶעקֶענְט, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען וִוי עֶר הָאט גֶעוִויזְן מִיט זַיין פִינְגֶער אוֹיפְן הִימְל בַּיים זָאגְן דִי פָּסוּק: ״זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ״, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען וִוי דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דִי חוּמָשׁ מִיט אַ חַיּוּת אוּן מִיט דִי מֶדְרָשִׁים, אַז זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי פַּרְשָׁה וָואס זֵיי לֶערְנֶען.

אוֹיךְ הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת, מַעֲשִׂיוֹת וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט אִין חֵדֶר, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק הַנָאָה צוּ זֶען אַז אִין כִּתָּה ב׳ קֶענֶען דִי קִינְדֶער אַזוֹי גוּט דִי לִימוּדִים אוּן זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן הַצְלָחָה, דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט יֶעדְן תַּלְמִיד, אוּן אוֹיךְ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

...

## דִי ״דַאנְקֶען שְׁפִּיל״

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט; זָאלְסְטוּ זִיצְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער

און מַאכְן אַ פֵּירוֹת סְעוּדָה און דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיר דִיר.

שְׁפִּיל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער דִי "דַאנְקֶען שְׁפִּיל", (יֶעדֶער זָאגְט אַ זַאךְ אויף וָואס עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֵייט אִין אַ רֵייעֶ, לְמָשָׁל דֶער עֶרְשְׁטֶער קִינְד זָאגְט הויךְ: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַזַא גוּטֶע טַאטֶע וָואס מִיר הָאבְּן", זָאגְט דֶער בְּרוּדֶער: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, מִיר וֶוערְן נִישְׁט פַארְפְרוֹירְן", זָאגְט דִי שְׁוֶועסְטֶער: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן עֶסְן", אַזוֹי גֵייט דִי שְׁפִּיל אַרוּם און אַרוּם, און אוֹיבּ אֵיינֶער בְּלַייבְּט שְׁטִיל פַאלְט עֶר אַרוֹיס פוּן דִי שְׁפִּיל בִּיז דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וְכוּ׳); מִיט קִינְדֶער דַארְף מֶען מַאכְן אַלֶע סָארְט חָכְמָה׳לֶעךְ וִוי אַזוֹי עֶס זָאל זֵיי זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַיינְט נַאכְט - חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט - בַּאנֵייעֶן זִיךְ אַלֶע טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער, אַלֶע קַאלְטֶע בֵּיימֶער, פַארְפְרוֹירֶענֶע בֵּיימֶער הֵייבְּן אָן פוּן פְרִישׁ צוּ לֶעבְן, דַארְפְן מִיר זִיךְ אויךְ בַּאנֵייעֶן; אֲפִילוּ דִי הַארְץ שְׁלָאפְט שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט דַארְפְן מִיר זִיךְ מְחַדֵּשׁ זַיין.

אויךְ אִיז הַיינְט נַאכְט דִי יוֹם הוּלֶּדֶת פוּן מוֹהֲרַנַ"ת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און מִיטְוָואךְ - י"ז שְׁבָט - אִיז דִי יָארְצַייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דִינְסְטָאג נַאכְט וֶועלְן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַאכְן סְעוּדוֹת, פְּרַאוֶועו דִי יָארְצַייט; אִין אַמֶערִיקֶע וֶועלְן מִיר פְּרַאוֶועו אִינְאֵיינֶעם אִין מָאנְסִי בְּאוּלָם וֶועלִי טֶערֶעס, זָאלְסְט קוּמֶען, מִיר וֶועלְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג.

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר דִי פַּרְשָׁה פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אִיז פַּאסִיג דוּ זָאלְסְט פוּן פְרִישׁ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, און זָאגְן תְּהִלִּים. תּוֹרָה אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר, תּוֹרָה אִיז מְתַקֵּן אַלֶעס, און אֲפִילוּ דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן בְּאוֹנֵס, בְּשׁוֹגֵג, אָדֶער גָאר חַס וְשָׁלוֹם בְּמֵזִיד, אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ וֶועסְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין און דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ בֶּעטְן פַאר אַ

שֵׁיינֶע כָּשֵׁר'עֶ אֶתְרוֹג, פַאר דִי ד' מִינִים, פַאר מַצּוֹת פַאר פֶּסַח; זָאלְסְטוּ בַּיי דִי סְעוּדָה בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶע שִׁידוּכִים וֶוערְט נָאר דוּרְךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, אוּמַאן**

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַאוֶוענֶען דְרֵיי תְּפִלּוֹת יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן.

אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ שִׁידוּךְ אִיז נִישְׁט דוּרְךְ אַ שַׁדְכָן; אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (סֵפֶר עֵץ הַדַּעַת טוֹב חֵלֶק ג, סִימָן תטו), מֶען זֶעט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס שִׁידוּךְ מִיט אַ טָאכְטֶער פוּן יִתְרוֹ, דִי שִׁידוּךְ אִיז נִישְׁט וָואס מֶען קֶען טְרַאכְטְן; ווִי קוּמְט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּ נֶעמֶען אַ טָאכְטֶער פוּן יִתְרוֹ? דָאס אִיז אַ פֶּלֶא גָּדוֹל, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז "שְׁאַר זִיווּגִים שֶׁל כְּלָלוּת יִשְׂרָאֵל, מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַלֶע שִׁידוּכִים אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם טַייטְשְׁט עֶר דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת יח, א): "'אֵת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה אֱלֹקִים לְמֹשֶׁה', עִנְיַן הַזִּיווּג נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי שֵׁם אֱלֹקִים", אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים סח, ז): "אֱלֹקִים מוֹשִׁיב יְחִידִים בַּיְתָה", אִיז דָאךְ זִיכֶער - "וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ", אַלֶע שִׁידוּכִים וֶוערְט נָאר דוּרְךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ וואוֹינְסְט יֶעצְט אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן זָאגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעט פַאר דַיין שִׁידוּךְ.

...

## אִיר זֶענְט יָא אַ גוּטֶע מַאמֶע אוּן אַ גוּטֶע וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט אַ גוּטֶע מַאמֶע אוּן נִישְׁט אַ גוּטֶע וַוייבּ, קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ אַז אִיר קוּמְט נִישְׁט אָן צַאמְצוּנֶעמֶען אַייעֶר שְׁטוּבּ אוּן אַלֶעס פְּלִיט; אַז מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צַאמְצוּנֶעמֶען דִי שְׁטוּבּ - וֶוערְט מֶען נִישְׁט אוֹיס גוּטֶע מַאמֶע, אוּן אַז אַלֶעס פְּלִיט - וֶוערְט מֶען נִישְׁט אוֹיס גוּטֶע וַוייבּ.

פַארְלֵייגְט זִיךְ נָאר אוֹיף אֵיין זַאךְ, פַארְלֵייגְט זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, צִינְדְט אָן לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים אוּן טַאנְצְט אַבִּיסְל, אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֲסָדִים; פַאר אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן, אוּן פַאר אַייעֶרֶע זִיסֶע קִינְדֶער, פַאר דִי אִיבֶּערְגֶעדְרֵייטֶע הוֹיז אוּן פַאר אַלֶעס וָואס פְּלִיט; דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען טוּן אַבִּיסְל דָא אוּן אַבִּיסְל דָארְט.

נָאכְאַמָאל, קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט, פַארְטְרַייבְּט דִי נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת, וַוייל אִיר זֶענְט יָא אַ גוּטֶע מַאמֶע אוּן אַ גוּטֶע וַוייבּ.

...

## פוּנְדָאסְנֵיי אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, מוֹהֲרַאַ״שׁ זָאגְט אַז דָא לִיגְט אַ וִויכְטִיגֶע לִימוּד פַאר אוּנְז, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ פַארְפְרוֹירֶענֶע ווינְטֶער אוֹיף דִי בֵּיימֶער, דִי בֵּיימֶער זֶעעֶן אוֹיס טוֹיט, זֵיי זֶענֶען טְרוּקְן, קַאלְט, אָן קַיין בְּלֶעטְלֶעךְ, אָן גָארְנִישְׁט, אוּן הַיינְט - חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט - גֵייט אַרַיין אִין זֵיי אַ חַיּוּת, אַ לַחְלוּחִית, זֵיי הֵייבְּן אָן צוּרִיק לֶעבְּן, אוּן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועט מֶען שׁוֹין זֶען וִוי זֵיי הֵייבְּן אָן אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן בְּלֶעטְלֶעךְ אוּן פְּרוּכְט; דָאס אִיז חִיזּוּק פַאר אוּנְז, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעטְרִיקֶנְט אַ שְׁטִיק צַייט, מִיר זֶענֶען אַ

בְּחִינָה פוּן טוֹיט, קַאלְט, נָאכְגֶעלָאזְט - קֶען מֶען פוּנְדָאסְנַיי אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דִי לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר טוּעֶן, אוּן דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דִי וָואךְ לֵיינְט מֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, זָאלְסְטוּ מְקַבֵּל זַיין דִי עוֹל תּוֹרָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה", אַז עֶנְק נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן צוּ הִיטְן דִי תּוֹרָה - "מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", רֶעכְן אִיךְ עֶנְק אַזוֹי וִוי עֶנְק וָואלְטְן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט; הֶערְסְט וֶוערְטֶער?! אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה רֶעכְנְט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִוי מִיר הָאבְּן בִּכְלָל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיי דִי עֶנְדֶע פוּן דִי יְמֵי הַשּׁוֹבָבִי"ם, מִיר דַארְפְן זִיךְ יָאגְן צוּ קֶענֶען מְתַקֵּן זַיין וָואס מִיר דַארְפְן מְתַקֵּן זַיין, דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, "מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", רֶעדְן אִיךְ כְּאִילוּ עֶנְק הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, עֶר הָאט בְּקַבָּלָה פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דִי שִׂיחָה פוּן 'כַּךְ וְכַךְ' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם 'חַ"י פְּרָקִים' מִשְׁנָיוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה וֶועלְן מִיר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, מִיט זִיךְ אוֹיסְ׳טַעֲנָה׳ן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן אָן אוֹיפְגֶעבְן, שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זֵיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר, בְּרֶענְג מִיךְ נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ אַזַא שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע יֵצֶר הָרָע, אָנָּא ה׳, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין״, וְכוּ׳ וְכוּ׳.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רפז): **״וָואס הָאט אַ אִיד צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? נָאר דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען״.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדֶער

## פְּרֵייליךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה

"רֶבִּי אִיךְ דַארְף אַ בְּרָכָה..."

אַוַדַאי וֶועל אִיךְ אַייךְ גֶעבְּן אַ בְּרָכָה: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט לֶעבְּן לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן".

"נֵיין, נֵיין!" – שְׁרֵייט דֶער אִיד, דֶער אִיד לָאזְט נִישְׁט עֶנְדִיגְן דִי בְּרָכָה, עֶר הֵייבְּט אָן וֵויינֶען: "אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַזַא בְּרָכָה, אִיךְ ווִיל אַ בְּרָכָה אוֹיף פַארְקֶערְט..."

"פַארְקֶערְט? וָואס?! אִיר ווִילְט אַ בְּרָכָה אוֹיף נִישְׁט לֶעבְּן לַאנְגֶע יָארְן? וָואס אִיז מִיט אַייךְ?!"

"רֶבִּי, רֶבִּי", וֵויינְט דֶער אִיד - "אִיךְ ווִיל מֶער נִישְׁט לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ מֶער צוּ לֶעבְּן, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי אַלְט, אִיךְ ווִיל שְׁטַארְבְּן..."

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין טְבֶרְיָה, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ עֶר ווִיל בֶּעטְן אַ בְּרָכָה, דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט,




דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִין אִיז אַזוֹי חָשׁוּב!

נָאנְט צוּ דִי נַיינְצִיג יָאר, עֶר הָאט גֶעקְרֶעכְצְט: "רֶבִּי, עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ לֶעבְּן, אִיךְ וִויל שְׁטַארְבְּן".

דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִים: "דוּ טִפֵּשׁ וָואס דוּ בִּיסְט, פַארְוָואס ווילְסְטוּ שְׁטַארְבְּן? עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן צוּ קֶענֶען אָנְטוּן נָאךְ אֵיינְמָאל דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין, דוּ וֵוייסְט וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס אַ אִיד טוּט? דַארְפְסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ לֶעבְּסְט, אַז דוּ קֶענְסְט אָנְטוּן תְּפִילִין, אַז דוּ קֶענְסְט אָנְטוּן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, אוּן אַז מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין הִיטְן נָאךְ אֵיין שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר טוּעֶן מִצְווֹת; אִיךְ וִויל פְרֶעגְן דִי קִינְדֶער, וֶוער קֶען אוֹיסְרֶעכֶענֶען מִצְווֹת וָואס מִיר טוּעֶן יֶעדְן טָאג:

אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אָן זָאגְן הוֹיךְ: 'נֶעגְל וַואסֶער', 'מוֹדֶה אֲנִי', 'זָאגְן בְּרָכוֹת', 'פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע', 'קוּשְׁן דִי מְזוּזָה', 'עֶסְן נָאר מִיט אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר', 'דַאוֶונֶען', 'לֶערְנֶען'.

אוֹיךְ דִי מֵיידְלֶעךְ זָאגְן זֵייעֶרֶע מִצְווֹת: 'צְנִיעוּת', 'נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אַ חַבֶר'טֶע', 'רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

דֶער טַאטֶע נֶעמְט אַלֶע קִינְדֶער אוּן מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין אַ פְרֵיילִיכֶע טַאנְץ: "טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיר, טַאטֶע אִיךְ לוֹיבּ דִיר וַוייל אִיךְ בִּין אַ אִיד, אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ וּמַה יָּפֶה יְרוּשָּׁתֵנוּ".

# מהדורת טשינגל

## הספר הקדוש הזה נתנדב
## לזכות

מוה"ר **דוד טשינגל** הי"ו

וזוגתו **שרה דרעזיל** תחי'

~~~~~

לעילוי נשמת אבינו רועינו

# מוהרא"ש

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבכם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון
~~~~~